גוט שבת אלע אידן. די פאלגענדע מעשה איז א אמת'ע מעשה וואס איז געשען מיט דעם גרויסן תלמיד חכם דעם בעל "שדי חמד," הרה"ג רב חיים חזקיהו מדיני זצ"ל וואס איז נסתלק געווארן בערך 95 יאר צוריק. באלד נאך זיין חתונה האט דער ר' חזקיהו (דעמאלט האט מען אים נאך נישט גערופן דעם "שדי חמד") אנגעהויבן צו לערנען אין א חשוב'ע כולל. דער כולל איז געשטיצט געווארן דורך א געוויסער גביר וואס האט געהייסן ר' זוֹרח (א ספרד'ישע נאמען).

אלעס איז געווען פיין און וואויל פאר ר' חזקיהו אין כולל ביז איין טאג ווען עפעס איז געשען. א געוויסער מגושמ'דיגער איד, א שכן פון דעם כולל בנין, האט שטארק מקנא געווען די גרופע פון תלמידי חכמים וועלכע האבן געלערנט טאג און נאכט אין כולל. ריכטיגע "קנאת סופרים" איז עס אבער נישט געווען. ווייל ליידער האט דער איד אזוי פיינט געהאט די כולל יונגעלייט אז ער האט שטענדיג פראבירט צו טשעפענען זיי, ה' ירחם. איין טאג האט דער מענטש זיך מיישב געווען אז ער וויל טון עפעס שלעכטס קעגן א כולל אינגערמאן. און ער האט אויסגעקליבן דעם בעסטן אינגערמאן ר' חזקיהו.

דער גביר ר' זוֹרח, וואס האט געשטיצט דעם כולל, האט געהאט א גוי'טע וואס פלעג אויספוצן דעם בית מדרש וואו דער כולל האט געלערנט. דער מסית און מדיח האט צוגעזאגט פאר די גוי'טע א גרויסע סכום געלט אויב זי וועט זיך משתתף זיין אין דער עלילה קעגן ר' חזקיהו. נאכדעם וואס דער עלילה איז "געשען," איז א גרויסער עולם פון די אידן אין שטעטל צוזאמענגעקומען אין דעם גאס שמועסנדיג וועגן די 'עוולה' וואס דער כולל אינגערמאן ר' חזקיהו האט 'געטון'. אין אמת'ן אריין האט ר' חזקיהו גאר נישט געטון. נאר, אלעס איז געווען דער פלאן פון דעם שלעכטען מענטש, וואס האט געוואלט טשעפענען ר' חזקיהו.

דער עולם ארום דעם בית מדרש איז געווארן גרעסער. דער מסית און מדיח האט געכאפט דעם געלעגנהייט און ער האט אנגעהויבן צו שרייען אז ר' חזקיהו האט געברענגט א שאנדע אויף די גאנצע קהילה, און מען זאל אים לייגן אין חרם, וכו'. דער עולם איז געגאנגען צוזאמען צו דעם ר' זורח, דער שטיצער פונעם כולל.

פאר מיר גייען ענדיגען די מעשה לאמיר אביסל רעדן פון אן ענין אין דער היינטיגער פרשה וואס איז שייך צו אונזערע מעשה. די פרשה רעדט די וואך פון דער גאנצער פראצעדור ווי אזוי דער מצורע האט זיך אפגערייניגט פון צרעת. ווייסט מען אז צרעת איז געקומען אלס שטארף צו איינעם וואס האט גערעדט לשון הרע. מיר ווייסן אז די תורה איז נצחיות. אז כאטש אפילו היינט איז נישט דא קיין צרעת, האט די הייליגע תורה געוואלט לערנען די הארבקייט פון רעדן זאכן וועלכע טויגן נישט. איז לאמיר אביסל רעדן די וואך וועגן דעם וויכטיגקייט פון רעדן נאר גוטע דיבורים און זיך צו דערווייטערן פון שלעכטע רייד. יעצט צוריק צו אונזערע מעשה...

ב"ה ר' זורח האט בכלל נישט געגלייבט די שמועה קעגן ר' חזקיהו. נאר, ר' זורח האט אויסגערופן פאר'ן גרויסן עולם אויפ'ן גאס אז "דער איד ר' חזקיהו איז א הייליגער מענטש. איך גלייב נישט פאר אפילו איין סעקונדע די פאלשע עלילות קעגן ר' חזקיהו. ער בלייבט ביי אונז אין כולל. און נישט נאר דאס, נאר די גוי'טע איז אפגעזאגט פונעם ארבעט. איינער וואס וועט רעדן פון דער גאנצער פרשה זאל נישט אריינקומען אין מיין בית מדרש! די עולם איז געווארן בארוהיגט. אבער, עס זענען געווען מענטשן אין די קהילה וואס האבן געגלייבט דער גוי'טע און עס זענען געווען מענטשן וועלכע האבן געגלייבט דעם תלמיד חכם ר' חזקיהו אז ער האט גאר נישט געטון.

די גוי'טע איז געווען צופרידן מיט די גרויסע סכום געלט וואס דער מסית און מדיח האט איר געגעבן. א שטיק צייט דערנאך, איז דער מסית און מדיח געשטארבן פלוצלינג! ער האט מקיים געווען די ווערטער פון דוד המלך ע"ה "...כי אתה תשלם לאיש כמעשהו." (תהילים סב, יג)

א שטיק צייט שפעטער אבער, האט די גוי'טע אויסגעניצט איר געלט און זי האט שוין געדארפט זוכן ארבעט. אבער, קיינער האט איר נישט געוואלט נעמען, צוליב דער עלילה. באין ברירה איז די גוי'טע געקומען צו ר' חזקיהו, כדי אים איבערצובעטן און צו בעטן זיין הילף אז ר' זורח זאל איר צוריקנעמען.

ר' חזקיהו איז געווארן איבעראשט ווייל ער האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז די גוי'טע וועט צוקומען צו אים. ר' חזקיהו האט נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל אויב ער וועט מפרסם זיין די שקר פון דער גוי'טע, וועט ער גורם אז לשון הרע זאל ווערן גערעדט וועגן דעם נפטר, אפילו ער איז נישט געווען פון די בעסטע אידן. אויף די צווייטע זייט, איז ער אפשר מחויב געווען צו פארעכטן דעם לשון הרע קעגן אים וועגן כבוד התורה. בקיצור, ער האט געזען אז עס וועט אויסקומען א חילול השם סיי ווי סיי. וועגן דעם האט ער גאר נישט געזאגט פאר קיינעם. נאר וואס? ער האט געוואלט העלפן דער גוי'טע ווייל ער האט געוואלט זיין "מעביר על מידותיו." באלד דערנאך האט ער מצליח געווען צו ערלעדיגן א גוטע פאסטן פאר די גוי'טע ביי אן אנדערען גביר, אן ער זאל דארפן דערציילן פאר קיינעם די אמת פון יענער עלילה.

ר' חזקיהו האט דערציילט אז בשעת ער איז ארויסגעגאנגען פון יענעם גביר'ס הויז וואו ער האט ערלעדיגט א פאסטן פאר די גוי'טע, האט ער געשפירט אן עפענונג אין זיין שכל און דער אייבערשטער האט אים חונן דעת געווען, איבערגעבן פאר אים דעת פון כל התורה כולה! (דערציילט דורך ר' יוסף ראטמאן, א שוואגער פון ר' אליה לופיאן ז"ל וואס פלעגט 'רעדן אין לערנען' מיט דעם "שדי חמד" זי"ע אליין אין חברון)

דער מאור עינים זי"ע איז מסביר דעם הארבקייט פונעם איסור פון לשון הרע. ער ברענגט אז וויבאלד דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט נאר פאר די אידן וועלכע זענען אנגערופן "ראשית" (עיין דעם ערשטן רש"י אין חומש), עס קומט אויס אז די אידן זענען א גרויסע תענוג פאר השי"ת. וועגן דעם, ווען איינער רעדט לשון הרע אויף א איד חס ושלום, איז ער מבטל די גאנצע תענוג וואס דער אייבערשטער האט ביז יעצט געהאט פון דעם איד אויף וועמען מען האט שלעכטס גערעדט.

מיר זאלן געדענקן דער מעשה פון דעם "שדי חמד" זי"ע און אויך נעמען די הייליגע ווערטער פונעם מאור עינים זי"ע אין הארץ אריין, כדי מיר זאלן רעדן נאר גוטס אויף אידן. **גוט שבת אלע אידן.**